STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11056

www.libtool.com.cn

# AF DER ZIBETER LINYE

Daniyel Marshak

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

מ. דאַניעל

# אף דער זיבעטער ליניע

דערציילונג

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — 1928

www.libtool.com.cn

КНИЖНАЯ ФАБРИКА
ЦЕНТРАЛЬНОГО
ИЗДАТЕЛЬСТВА
НАРОДОВ СССР
МОСКВА, ШЛЮЗОВАЯ
НАБЕРЕЖНАЯ, 162

Главлит А 6731
Тираж 3.000 экз.

603

www.libtool.com.cn

— ווער קויפט וואַליוטע?
— ענגלישע פונטן?
— דאָלאַרן, דאָלאַרן — ווער בייט?

אַ האַנדל מיט וואַליוטע איז אָנגעגאַנגען אין באַנק־קאָנטאָרן, אין טויערן, אין פינסטערע דורכגאַנגען און אין מיטן גאָס.

געהאַנדלט האָבן אַלע:

אַלטע ווייבער, יונגע מיידלעך, געוועזענע שילער פון געוועזענע גימנאַזיעס, פאַראָרעמטע פוילישע אַריסטאָקראַטן און אויפגעקומענע אידישע ספעקוליאַנטן.

די וואַליוטשיקעס זיינען געווען צו פאַרנומען מיט בייטן געלט הינטער די טויערן, האָבן זיי ניט באַמערקט, ווי אַ קליין אינגל איז לאַנג אומגעקראָכן אַרום אַ גרויסן מויער, דעם מויער פון אַלע זייטן, ווי אַ הונגעריק הינטל באַשמעקט און גענומען לייענען אַן אַלטן פאַראָסטעטן שילד.

אַף דעמדאָזיקן, פאַרזשאַווערטן שילד איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע ווערטער:

Ресторан „Европейскій Бар“

אָבער פון אַלטקייט און פון לאַנג הענגען אָן טאַכלעס אַף דער ציגלנער וואַנט זיינען רוסישע ווערטער אָפּגעקראָכן און מער דעם נאָמען פון זייער באַלעבאָס ניט געדענקט. איצט האָבן אים די געלט־ספעקוליאַנטן גערופן פּאָשעט: „אָפּגעבאַרעטער אייראָפּייער“.

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז דאָס קליין אינגל אָפּגעשטאַנען באַם „אָפּגעבאַרעטן אייראָפּייער“, געקוקט גלייכגילטיק, ווי פאַרשווויצטע הענדלער קויפן און בייטן געלט־פּאַפּירן, געוואַרט מיט אומגעדולט, די טיר פון רעסטאָראַן זאָל זיך עפענען.

דאָס אינגל איז געווען געקליידט זייער מאָדנע און אויסטערליש: אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייטע געוואַטעוונע

www.libtool.com.cn



www.libtool.com.cn

פאַנאַמע, אַף די פּלייצעס אַ קורצע וואַטאָוונע קורטקע, האַרטע ביינערדיקע קני זיינען באַ אים אַרויסגעקראָכן פון צעריסענע קאָרטענע הויזן, און אַ פּאָר געלע שיך מיט שאַרפע נעזער האָבן נאָך מערער אויסגעזאָגט, אַז ער האָט קיין שאַיכעס ניט צום געלט־האַנדל אַף דער טומלדיקער גאַס.

ווען די טיר פון פאַרשפּאַרטן רעסטאָראַן האָט זיך פלוצים און מיט איינמאָל געעפנט, איז דאָס אינגל אַפן צווייטן טראָטואַר אַריבער, געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן, ווי די געלט־ספּעקוליאַנטן האָבן זייער דרויסיקן האַנדל אין רעסטאָראַן אַריבערגעטראָגן, און אויך אַהין אַריין.

צו די געדיכטע, באַזעצטע טישלעך האָבן די קעלנער געטראָגן אַף ניקלנע טאַצן שטיקער געבראָטן גאַנדז, הינער, פעטע זופּן. אַ קלאַפּעריי פון גאָפּל־מעסער האָט זיך אויסגעמישט מיט אָפּגעריסענע פראַזן פון געלט־ספּעקוליאַנטן:

— מע דאַרף פּאַטער ווערן פון דער סאָוועטסקער נעוווילע...

— אַז די דייטשישע מאַרקן זיינען ניט בעסער.

— ווער ווייסט וואָס איז בעסער? — מע זאָגט די „גדוילים“ שטייען הינטער ראַקיטנע.

אַ יונגער וואָליוטשיק האָט מיט אַריינגעשטעלטע גאָלדענע ציין געקייט אַ האַרטע שטיק פלייש, איניינעם מיטן פלייש אַ פראַזע צעקייט:

— ס'איז נאָך ווייט צום געלעכטער... זיי האָבן דאָרט געכאַפּט דעם עמעסן טאַראַבענטש — דיינע „גדוילים“...

— איך שענק זיי דיר אַוועק אַף קערן, — „מיינע גדוילים“ — האָט זיך דער צווייטער אָפּגעטרייסלט.

דאָס אינגל איז געזעסן פאַרוקט אין אַ ווינקל, פויל געזופּט דעם דערלאַנגטן זופּ און אָנגעשטרענגט געקוקט אַף צוויי מיידלעך באַם בופעט.

די מיידלעך באַם בופעט האָבן גיך און געניט געווישט שמוציקע ביר־גלעזער. איינע האָט דעם אינגלס אָנגעשטרענגטן קוק באַמערקט, אויפגעהערט ווישן די שמוציקע גלעזער:

— ריווקע, כאַפּ אַ זייטיקן קוק אַהין צום לעצטן טיש... מיר געפעלט ניט דאָס אינגל אין ברייטן קאַפּעליוש.

— וואָס דיר פּאַלט איין, אַ אינגל פון צירק, אָדער גלאַט אַ שלעפּער, — דאַ אַף ווערען צו קוקן...

www.libtool.com.cn

— ער איז אַ גאַנצן טאָג אומגעגאַנגען הינטער די פענס־טער, מע דאַרף זאָגן בערן, ער זאָל פונדאַנען אַוועקגיין.

באַ איינעם פון די סאַך טישלעך איז געזעסן אַ יונגער באָכער זייער שיין געקליידט. ער איז געווען אויפגערעגט און צעטראָגן, זיינע גרויע אויגן האָבן אומגעבלאָנדזשעט איבער שפּאַלטן פון אַ פּוילישער ציישונג. קענטיק, די טעלעגראַמעם פון פראָנט האָבן געהאַט צו אים זייער אַ שטאַרקע שאַיכעס, ער האָט זיי געלייענט גיך, ווי ער וואָלט הינטער די שוואַרצע פּוילישע אויסיעס זוכן אַ באַהאַלטענעם עמעס, אַן עמעס, וועלכן די צייטונג האָט מורע אויסזאָגן. ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צום בופעט און אָפּגעריסן געפרעגט:

— ריווקע, מיך האָט קיינער ניט געזוכט?

— ניין.

ריווקע האָט זיך נידעריק צום צוגעגאַנגענעם באָכער אַראָפּגעבויגן, שטיל פּאַרטרויט:

— בער, דאָרט זיצט אַ פּאַרשוין אין אַ קאַפּעליוש, ער געפעלט מיר ניט.

בער איז צוריק צו זיין טישל אַוועק, ווידער געלייענט זיין פּוילישע ציישונג און פאַרזיכטיק גענומען באַקוקן דאָס אינגל אין ברייטן קאַפּעליוש און געלע שיך און וואָס לענגער בער האָט אַפן אינגל געקוקט, אַלץ ערנסטער און פאַרוואונדערטער איז זיין פּאָנעם געוואָרן. ער איז צוריק פון זיין זיצן אויפגע־שטאַנען, מיט גיכע טריט צום בופעט צוגעגאַנגען, און מיט פרייד און מיט שרעק ריווקען דערקלערט:

— דאָס איז דאָך זאַמקע קאַפּאַטש.

דאָס מיידל האָט אַ פּאָר גרויסע אויגן געעפנט, דאָס ביר־גלאָז אויפגעהערט ווישן און פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט:

— וועלכער זאַמקע? — פון באַראַק?

בער האָט איר פאַרוואונדערונג צעשלאָגן:

— היים אים דאָ וואַרטן ביז זעקס. זעקס וועל איך דאָ זיין.

אין רעסטאָראַן זיינען עסער און אַריינגייער געוואָרן אַלץ ווינציקער און ווייניקער. דער טומלדיקער דרויסן האָט דורך רעסטאָראַן־פענסטער געוואָרפן לעצטע פאַסן זון. פון אַ טאָג אַרומשלעפּן זיך איבער אַספּאַלטענע טראָטואַרן און בלעכענע דעכער זיינען זון־פלעקן געווען פאַרמאַטערט און

www.libtool.com.cn

אויסגעבלייכט, זיך אויפגעלייגט, ווי מידע סאָלדאַטן, אַף די סאַך ליידיקע טישלעך און שטום, אָן ווערטער, דערציילט, אַז דער זומערדיקער טאָג איז שוין אַוועק.

די צוויי מיידלעך כאָם בופעט האָבן די ערשטע באַמערקט, אַז אַכוצן אינגל אין ווינקל און לעצטע פּאַסן זון אַף די טישלעך איז אין רעסטאָראַן קיינער ניט געבליבן, זיי האָבן גיך די גאַסיקע טיר פאַרשפּאַרט און פריילעך אַרויסגערופן:

— כעוורע אַהער, זאמקע איז דאָ!

פון הינטער דער אייזערנער קאַסע, פון קיך, פון די זייטיקע צימערן האָבן זיך איינציקווייז גענומען אַרויסרוקן כאַוויירים דערזען אין ווינקל צימער זאמקען און פריידיק גענומען שרייען:

— זע, דאָס איז דאָך זאמקע!

— ווי קומט ער אַהער?

— שלאָג מיך ביזן טויט, אויב איך וואָלט אים אין קאַפּעליוש דערקענט.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז שוין זאמקע געזעסן צווישן אַ גרופּע כאַוויירים, גענוי דערציילט, ווי ער איז אַנטלאָפן פון געפענגעניש. איצט, ווען ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ברייטן קאַפּעליוש און ווינטערדיקע קורטקע, האָבן די כאַוויירים באַמערקט, אַז דאָס פּאָנעם איז באַ אים שטאַרק פאַרברענט און אויסגעמאָגערט, די אויגן רויט און אויפגערעגט און פינקלען מיט באַהאַלטענער שרעק. וואָס לענגער זאמקע האָט דערציילט אַלץ נעענטער האָבן זיך די כאַווירים צו אים גערוקט, מיט פאַרשוויצטע אויערן געהערט, ווי ער איז מיט צוויי טעג צוריק פון באַראַק אַנטלאָפן, און ניט געוואָלט גלויבן, אַז דעם גאַנצן זאמקען איז נאָך קיין פולע זעכצן יאָר ניטאָ, אַז אין שטילע יאָרן וואָלט נאָך אַזאַ אינגל אין כיידער געלערנט.

אין גרויסן רעסטאָראַן-צימער איז געוואָרן טונקל. אין דער אַנגעפאַלענער טונקלקייט האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי בער איז דורך דער הינטער-טיר אַריין, מיט שטילע טריט זיך דערנעענטערט צו דער גרופּע כאַוויירים און זאמקעס דערציילונג מיט אַ ניים איבערגעריסן:

— אין דרויסן דרייען זיך אַרום פּוילישע „שמעקער“!

אַ ווײַלע זיינען אַלע געזעסן שטיל און ווי פאַרגליווערט,

www.libtool.com.cn

מיט צעטומלטע אויגן געקוקט ווי זאַמקע טוט גיך אָפּ זיך אָן זיין ווינטערדיק רעקל און ברייטע פּאַנאַמע.

צוריק צו דער אַרבעט! — האָט בער קורץ באַפוילן — און זאַמקע דאַרף גלייך ווערן לינק...

די כעוורע זיינען גיך פון די ערטער אויפגעשפּרונגען, פלינק אָנגעצויגן אָף זיך די ווייסע קעלנערשע שירצן און רונדע הויבן. באַם בופעט זיינען שוין, ווי פריער, געשטאַנען די צוויי מיידלעך, געניט און ווי שטענדיק געוואַשן און געווישט די שמוציקע גלעזער און אומרואיק געקוקט אָף דער גאַסיקער טיר. בער האָט זאַמקען צו דער הינטער-טיר צוגעפירט, אים באַוויזן, ווי אַזוי אין אַ זייטיק געסל אַרויסגיין:

— מיר האָבן היינט אַ דורכפאַל. אויב מיר וועלן אָפּקומען מיט שרעק, וואַרט איך אָף דיר. צוועלף באַנאַכט דאָ... איצטן טראָג גיכער אָפּ די ביינער — זיי קאָנען אַלע מינוט אָנקומען...

וואוהין גייט מען, אַז די שטאָט איז צעשניטן פון גאַסן און געסלעך, פון פּלעצער און פאַרשטעט, אַז דאָס איינציקע אָרט, אָף וועלכן ער האָט געהאָפט, איז געווען דער אומלעגאַלער רעסטאָראַן, און די איינציקע פריינט — די פּאַרטיי-כאַווירים.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין מיטן הויף, געקוקט, ווי דער אָוונט שפּרייט אויס נאַכטיקע טונקלקייט אָף הייזער און מויערן, מעקט אָפּ די שאַרפע ווינקלען פון מענטשן און זאַכן. פאַרוועבט די שטאָט אין אָנהויב נאַכט. ער האָט שלעכט געדענקט, ווי אַזוי ער איז פון די צודרייטע הויפן אין געסל אַרויס. אַ שטאַרקע מידקייט האָט שווער געמאַכט די טריט, אַ שלעפּערקייט האָט די רויטע, ניט געשלאָפענע וויעס גענומען קלעפּן. אָבער אַ שרעק האָט אים געטריבן פון געסל צו געסל, פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער — אים צום וואָקזאַל געבראַכט.

דעמדאָזיקן וואָקזאַל האָט זאַמקע גוט געוואוסט און שטאַרק פיינט געהאַט. מיט דריי כאַדאָשים צוריק האָט ער באַ דעמדאָזיקן וואָקזאַל אַ פאַרשטעמפּלטע טעפּלושקע געהיט. די שטאָט האָט זיך דעמאָלט מעשוגע-גיך עוואַקואירט. דער גאַנצער אומגעגנט האָט זיך שוין געפונען אין די הענט פון די פּוילישע מאַכנעס. קליינע פּאַרטיזאַנישע טיילן זיינען געווען צו שוואַך, זיי זאָלן קאָנען די שטאָט איינהאַלטן. שוין עטלעכע טעג, ווי די פאַבריק-קוימענס זיינען געשטאַנען שטום און פאַר-

www.libtool.com.cn

לאָזן. די אַרבעטער האָבן די מאַשינעס צעשרויפט און צענומען אַף איינציקע טיילן — איניינעם מיט די צעשרויפטע מאַשינעס פון שטאָט אַנטלאָפן. דורך טאָג און נאַכט האָבן לעצטע לאָקאָמאָטיוון געשלעפט פון וואָקזאַל לאַנגע עשאַלאָנען מענטשן און זאַכן. אין שטאָט האָבן זיך געטומען שפּריטן קלאַנגען, אַז די פּוילישע מאַכנעס שטייען עטלעכע מייל פונדאַנען, אַז נאָך הייַנטיקע נאַכט וועלן זיי די שטאָט פאַרנעמען.

זאַמקע איז דאָן אַ גאַנצן טאָג אַפּגעווען אין שטאַב — אַלץ געוואַרט אַף אַ באַשטימונג. אין שטאַב איז אין יענעם טאָג געווען צו טומלדיק און קיינער האָט זאַמקען און זיין וואַרטן ניט באַמערקט. שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען אַלע סאָ־וועטן־אַנשטאַלטן זיינען שוין געווען אַרויסגעפירט, ווען דער־שראָקענע איינוואוינער האָבן שטיל פאַרטאַיעט דעם אָטעם הינטער פאַרשפּאַרטע טירן און לאָדן — מיט שרעק געוואַרט אַפן קומענדיקן טאָג — ערשט דאָן האָט זאַמקע באַקומען אַ מאָדנע אויפגאַבע:

היטן אַ פאַרשטעמפּלטע טעפּלושקע אַף דער זיבעטער ליניע.

דריי שאָ האָט זאַמקע געדאַרפט די טעפּלושקע היטן, דערנאָך האָט אים אַ צווייטער געדאַרפט פאַרבייטן. אָבער שאָען זיינען אַוועק דריי, פיר, פינף, און קיינער איז אים ניט געקומען פאַרבייטן. אַ געשריי פון וואָקזאַל איז אַהער, צו דער זיבעטער ליניע געקומען, צעריסן און טעמפּ. אַ נאַכט איז אָנגע־פאַלן אַ פינסטערע, קאַלטע, אַנשטערנדיקע. אַ טרוקענער ווינט האָט געוויט פון פאַרגליווערטן, פאַרפראָרענעם טייך, פון הויכע שפּיציקע בערג, אומגעטריבן איבער די פאַרדרייטע אייזערנע ליניעס כאַפּטעס שניי, זעלטן ווען פלעגן עטלעכע באַן־אַרבעטער פאַרגיין אַף דער זיבעטער ליניע, קוקן מיט פאַרוואונדערטע אויגן אַף דער איינזאַמער, פאַרגעסענער טעפּלושקע, אַפן קליינעם אינגל מיט דער ביקס אין האַנט און בייז לאַכן:

— קוק נאָר אָן דעם העלד!... ראַטעווע די ביינער, כניאָק!

נאָך אַזוינע לאַכעדיקע אויסגעשרייען פלעגט זאַמקע ענ־גער דעם גורט אַפן שינעל פאַרציִען, דאָס קורצע יאַפּאַנישע

www.libtool.com.cn

בײַקסל פֿון אײן פּלײצע אַף דער אַנדערער פֿאַרוואָרפֿן און וואַרטן אַף אַן אויסבײַט.

אָבער די נאַכט איז געוואָרן אַלץ פֿינסטערער און קעל־טער, דער ווינט האָט געשניטן אין די אויגן, אין פּאָנעם, זיך פֿאַרקליבן אונטערן שינעל, דערלאַנגט ביז די סאַמע אַף דער זיבעטער ליניע איז געוואָרן אַלץ לײדיקער, אומע־טיקער, און פֿון ווײַטן האָט זיך די סטאַנציע געצונדן אין ווײַסע, גרינע, געלע, רויטע פֿײַערלעך. די פֿאַרביקע פֿײַערלעך האָבן אין דער פֿינסטערער קאַלטער נאַכט, ווי מאַמעשע אויגן גע־שײַנט, גערופֿן, געשלעפּט צו זיך. אַ פּיפּערײַ פֿון אָפּפֿאָרנדיקע עשאַלאָנען איז געוואָרן אַלץ העכער, שרײַענדיקער, אָפּגעריסענער, און פּלוצים איז אַלץ שטיל געוואָרן. אין דער געוואָרע־נער שטילקײט האָט זיך בוילעטער געהערט, ווי דער ווינט באַלעבאַטעוועט אַף די פֿאַרשנײַטע ליניעס, ווי קלאַפּערײַ פֿון אָפּפֿאָרנדיקע באַנען ווערט שטילער, ווײַטער און שטאַרבט אָפּ ערגעץ ווײַט אין נאַכט־כווישעך. זאַמקע האָט זיך דער־שראָקן פֿאַר דער צרומיקער שטילקײט, געמאַכט עטלעכע טריט אַוועקצוגײן — אָבער גלײַך זיך דערמאָנט, ווי דער שטאַב־נאַטשאַלניק האָט מיט אַ שטאַרק ערנסטן פּאָנעם אין אים אַרײַנגערעדט:

— זאַמקע, אַף דיר פֿאַרלאָז איך זיך. וואָס עס זאָל ניט טרעפֿן, פֿון טעפּלושקע טרעט ניט אָפּ.

ער איז מיט גיכע טריט צוריק אַף זײַן פּאָסט געקומען, אַ ווײַלע געטראַכט, אַז עס איז זײַער גוט, וואָס גראָד אים האָט מען אָנגעטרויט אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע, אַז ער וועט גיכער שטאַרבן דאָ בײַ דער טעפּלושקע, אײדער פֿון פּאָסט אַוועקגײן — און נאָך וועגן אַסאַך זאַכן האָט ער געטראַכט אין דער אָנגעפּאַלענער שטילקײט.

דערנאָך איז ער געזעסן אַף אַ טרעפּל פֿון דער פֿאַרלאָ־זענער טעפּלושקע. די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן, די ברעמען און וויעס זײַנען געוואָרן שנײאיקע און ווײַסע. קעדײַ ניט אײַנשלאָפֿן, האָט ער דעם קאָפּ פֿון שינעל אַרויסגערוקט, גענומען מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן קוקן צום הימל. אָבער אַף וואָס צו קוקן איז ניט געווען. שוואַרצע כמאַרעס זײַנען גע־האַנגען נידעריק און צעפּלאָנטערט, פֿון צווישן די שוואַרצע כמאַרעס האָט אַרויסגעקוקט אַ ברעקל לעוואָנע, אויסגעזעען,

www.libtool.com.cn
ווי אַן אויסגערונענע אויג פֿון אַ בלינדן. זאַמקע איז פֿון טרעפּל אויפֿגעשטאַנען, גענומען אַרומשפּאַנען אַרום זיין טעפּלושקע, געשלאָגן אַ פֿוס אָן אַ פֿוס, אַ האַנט אָן אַ האַנט, קעדיי זיך דערוואַרעמען. דער וואָקזאַל האָט ווידער אַהער, צו דער זיבעטער ליניע, גענומען שליידערן אָפּגעריסענע קוילעס. די סטאַנציע האָט זיך ווידער געצונדן אין ווייסע, גרינע, געלע, רויטע פֿייערלעך און מענטשישע טריט האָבן זיך גענומען דערנעענטערן. די טריט זיינען ביז דער זיבעטער ליניע ניט דערגאַנגען. זיי זיינען געבליבן שטיין אַף דער דריטער ליניע, דאָרט לאַנג אומגעקראָכן מיט האַנט-לאַמטערנס אַרום די לאַנגע געליימטע עשאַלאָנען, געשלעפּט הילצערנע קעסטלעך איינע צו די אַנדערע און צוריק גענומען אָוועקגיין. זאַמקע האָט צונויפֿגעקליבן די לעצטע קוייכעס, פֿונדאַנען, פֿון דער זיבעטער ליניע, גענומען שרייען צו די אָוועקגייענדיקע מענטשן...

זיינע קוילעס האָט דער ווינט פֿאַרטראָגן אָן אַ זייט, צעשאָטן אַ טעמפּן אָפּהילך אַף די צעדרייטע ליניעס און צו קיין מענטשלעכן אויער ניט געבראַכט זיי. זאַמקע האָט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט אָפֿן טרעפּל פֿון פֿאַרשטעמפּלטער טעפּלושקע, דעם קאָפּ טיף אין קאָלנער איינגענורעט און גענומען דרעמלען.

— — —

— שטיי אויף פּאַדלע!
— אַזאַ שנעק און קריכט אַף מילכאָמע...
— ער מוז זיין טראָצקיס אַן אייניקל!
— דערלאַנג אַ קוק, ציצעס טראָגט ער...
— נו, הויב זיך, הויב זיך, ס׳ווערט קאַלט דיין גלאָז קאַווע מיט די צוקערנע זעמעלעך.

די צוויי לעגיאָנערן האָבן זיך הויך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, אָוועק וועקן זאַמקעס שכיינים. זאַמקע האָט אַ שווערן קאָפּ פֿון האַרטער נאַרע, פֿון בערגל זאַכן אויפֿגעהויבן, באַקוקט מיט אויסגעמאַטערטע אויגן דעם גרויסן, הילצערנעם באַראַק, און גענומען זיך אָנטאָן.

ער איז שוין געווען געוואוינט, אַז פֿאַרטאָג, ווען נאַכט וויקלט אויס אין עק הימל אַ גראָע העלקייט, ווען אין דרויסן איז קאַלט און טויאיק פֿייכט — זאָל מען אים אויפֿרייסן פֿון און טרייבן אַף אַרבעט.

www.libtool.com.cn

שוין דריי כאָדאָשים, ווי פּוילישע לעגיאָנערן כאַזוערן אי־בער איינע און דיזעלבע כאָכמעס.

שוין דריי כאַדאָשים, ווי זאַמקע מיט נאָך צוויי הונדערט געפאַנגענע רויטאַרמייער האַלטן זיך אויף דאָ אין באַראַק.

דער באַראַק איז אַ גרויסער, הילצערנער און געפינט זיך עטלעכע מייל פון שטאָט. אים האָבן אויסגעבויט די דייטשן פאַר כאָלערע־קראַנקע, דערפאַר עפּשער איז ער אַזאַ שוואַר־צער, דורכגעפרעסענער פון קאַרבאָל. זאַמקען האָט מען אַהער געבראַכט אַ פאַרקאַלייעטן פון דער זיבעטער ליניע.

די ערשטע דריי נעכט איז קיינער פון די געפאַנגענע רויט־אַרמייער ניט געשלאָפן. זיי זיינען געזעסן אָנגעטאָנענע אַף די הילצערנע שוואַרצע נאַרעס, מיט שטאַרע אויגן געקוקט דורך די שיטערע ברעטער אין דרויסן און געוואַרט מע זאָל זיי צעשיסן. נעכט האָבן זיך געצויגן לאַנגע און גרויליקע, אַלע נאַכט פלעגט מען אַן אַנדער פאַרטיע רויטאַרמייער אַרויספירן פון באַראַק און צוריק ניט ברענגען. צעשיסן פלעגט מען זיי ניט ווייט פון באַראַק, בא די אָקאָפּעס־גריבער, וועלכע די רויטע פאַרטיזאַנער האָבן אויסגעגראָבן, איידער זיי זיינען פון שטאָט אַוועק.

פּערציק געפאַנגענע האָט מען אין די ערשטע דריי נעכט צעשאָסן און אויפגעהאַנגען. דערציילט האָבן עלטערע רויט־אַרמייער, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער „רויטער קרייץ" האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרבאָטן. אָבער אינדערעמעסן איז גע־ווען ניט אַזוי.

דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער שטאַב פון די פּוילישע מאַכנעס האָט באַשטימט די רויטאַרמייער לעבעדיק לאָזן, קעדיי זיי קאָנען אויסבייטן אַף די געפאַנגענע פּוילישע לעגיאָנערן.

אַזוי ניט באַמערקט און פלוצים איז דעם שוואַרצן באַראַק באַפאַלן פרילינג, באַפאַלן פון אַלע זייטן מיט לינדע, ווייכע ווינטן און סאָף־ווינטערדיקע נעכט, מיט ריטשקעס צעגאַנגע־נעם שניי אין די אויפגעזונטע טעג, און שניי אונטער פיס איז שוואַרץ און ברודיק געוואָרן, מער אין בערג און קופּעס ניט געוואָלט ליגן, אַוועק אין שמאָלע טייכלעך איבער אַלע וועגן און טראַקטן.

די פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן דעם באַראַק געהיט,

האָבן שוין דאָס געלט פֿאַר די פּאַרקויפֿטע רויטאַרמייִשע שטיוול לאַנג פֿאַרטרונקען, איצט געזעסן גאַנצע טעג אין
www.libtool.com.cn
דרויסן, געקוקט אַפֿן צעגאַנגענעם שניי, אַף דער פֿריילעכער זון און געטראַכט וואָס צו נעמען נייע געלט. ווער ווייסט, ווי לאַנג זיי וואָלטן געטראַכט, ווען זאַמקע וואָלט אין איינעם אַ פֿריי־מאָרגן ניט אַריין צו זיי אין בײַדל און ניט אַוועקגעלייגט אַזאַ מין פּלאַן:

— אין לאַגער געפֿינען זיך באַ פּוּפּצן אידישע געפֿאַנגענע און די שטאָט איז אינגאַנצן אַ אידישע... ווען מיר גייען זיך דורך אין שטאָט, וואָלטן מיר שוין געבראַכט אַ ביסל געלט.

די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן געגלעט זייערע קורצע, אונטערגעשאָרענע וואָנצעס, מיט פֿאַרדאַכט געקוקט אַפֿן אידישן אינגל און געהייסן אים קומען מאָרגן.

אַף מאָרגן איז שוין זאַמקע מיט עטלעכע אידישע רויט־אַרמייער אומגעגאַנגען איבער די סאַך אידישע גאַסן פֿון שטאָט.

זאַמקע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. די אידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, אָרעמע הענדלערקעס האָבן מיט צאַר געקוקט אַף זייער אָפּגעריסענעם הײַלעך, אַף זייערע אויסגעהונגערטע צורעס, געשאָטן צו זיי אין די גרויסע טאָרבעס עסנוואַרג און קליינגעלט. די פּוילישע פּאַטרולן האָבן זיך געמאַכט ניט זעענדיק, קלוימערשט, אײַנע מיט די אַנדערע געפֿירט זייערע טיפֿע שמועסן און ניט געשטערט די רויטאַרמייער ריידן און באַקומען די נעדאָוועס.

שוין אַפֿן צווייטן טאָג האָט זאַמקע געוואוסט, וואו עס געפֿינט זיך דער אונטערערדישער פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַפֿן דריטן טאָג האָט ער אײַנײַנעם מיט קליינגעלט און שטיקער פֿאַרהאַרט ברויט געבראַכט אין לאַגער אַ רוסישע „פּראַוודאַ“.

די צייטונג האָט מען אַ גאַנצן טאָג פֿאַרזיכטיק אויסגעבאַהאַלטן. ערשט שפּעט באַנאַכט, ווען פֿון דעם לעגיאָנערישן בײַדל זײַנען צום באַראַק געקומען אָפּגעריסענע שיכּורע קוילעס, ווען אַ שווער צעפּלאָנטערט טופּען פֿון שיכּורע פֿיס האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילער פֿרילינג־נאַכט — ערשט דאַן האָבן זיך די רויטאַרמייער צונויפֿגערוקט אַף דער אויבערשטער נאַרע, דאָס לעמפּל פֿון וואַנט אינדערמיט אַוועקגעשטעלט און גענומען לייענען די געבראַכטע צייטונג. אין

גרויסן, הילצערנעם באַראַק איז געוואָרן טויט שטיל. רויט־אַרמייאישע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ באַהאַלטענער האָפענונג, גענומען פינקלען מיט פרייד און דערוואַרטונג, און וואָס מער דער פאַרלייענער האָט רוסישע ווערטער פון דער צייטונג אַרויסגעלייענט, אַלץ נעענטער, ענגער האָבן זיי זיך איינע צו אַנדערע גערוקט. אַף די הוילע ווענט פון שוואַרצן באַראַק, אַף די האַרטע נאַרעס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן רוסלאַנד מיט געראַנגל אַף די פראָנטן, הונגער, צוזאַמענפאָרן, רעדעס פון לענינען. די דאַרע צורעס פון די רויטאַרמייער זיינען פרייליך און אויפגעלעבט געוואָרן. אַף אַ ווײַלע האָט מען פאַרגעסן אָן די שיקערע קוילעס פון די פּוילישע לעגיאָנערן, אָן קעלט און האַכקעס, אָן קלעפּ און באַליידיקונג, און שטיל, מיט פאַרקריצטע ציין אין הוילן באַראַק גענומען זינגען נאָענטע רויטאַרמייאישע לידער. די שוואַרצע ווענט פון באַראַק האָבן פאַרוואונדערט פאַרנומען מאָדנע קלאַנגען, קלאַנגען, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט, דורך די אָפענע שפּאַלטן געשאָטן פאַסן לעוואָנע־שיין צעמישט מיט אַ שיקערן געשריי פון די פּוילישע לעגיאָנערן און שטום צוגעזאָגט קיינעם ניט אויסזאָגן.

אַלע טאָג פלעגן די פּוילישע לעגיאָנערן אַרומטרייבן זאַמקען מיט זיינע כאַווײרים איבער די אידישע גאַסן פון שטאָט און אַלע נאַכט פלעגן די רויטאַרמייער אַף דער אויבערשטער נאַרע, בײַ שיין פון אַ קליינעם גאַז־לעמפּל לייענען צייטונגען, אויפרופן, בריוו פון דער הייגער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

די לעגיאָנערן האָבן גענומען באַמערקן, אַז זאַמקע גייט צו אָפט און גערן אין שטאָט, אים אויפגעהערט נעמען. איצט האָבן זיי אים טאָג נאָך טאָג געטריבן אַף שווערער אומנוצלעכער אַרבעט. פון פאַרטאָג ביז שפּעטער נאַכט איז ער געשטאַנען מײַלן ווייט פון באַראַק, גערייניקט פּויערשע טראַקטן פון שטיינער און מיסט.

אָבער לאַנג האָט זאַמקע די דאָזיקע אַרבעט ניט געטאָן. אין איינער אַ פינסטערער רעגנדיקער נאַכט, ווען וואָלקנס זיינען נידעריק און געדיכט, ווען זאַמד אונטער פיס איז ליימיק און קלעפּיק, איז זאַמקע פון באַראַק אַנטלאָפן.

— — —

www.libtool.com.cn

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען, עלף — עלף דער זייגער. זאַמקע האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, דערזען, אַז מענטשן אויפן וואָקזאַל זיינען געבליבן זייער ווייניק. לעגיאָנערן אין לאַנגע בלאָע שינעלן, גרינע היטלעך און בלאַנקע שטיוול האָבן זיך פּוסטאינפּאַס אומגעדרייט אַף דער ליידיקער פּלאַטפאָרמע, מיט בייזע אויגן אַריינגעקוקט יעדערן אין פּאָנעם און שטאַרק געזוכט באַ וועמען עטלעכע מאַרק פאַרדינען. זאַמקע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך צו לאַנג אויפן וואָקזאַל פאַרהאַלטן, אַז די מאַיסע מיט דער זיבעטער ליניע און באַראַק איז שוין אַן אַלטע און פאַרגאַנגענע, אַז איצט דאַרף מען וואָס גיכער אָפּטראָגן די ביינער פונדאַנען. ער האָט זיין שוואַרצן קאַפּעליוש טיף איבער די אויגן אַריבערגעשלעפּט, דורך דער זיבעטער ליניע צום רעסטאָראַן אַוועקגעשפּאַנט...

בערל איז באַ דער הינטער־טיר פון רעסטאָראַן ניט געווען.

זאַמקע האָט לאַנג געקוקט, ווי פּאַסן לעוואָנע־שיין שפּילן זיך אַף די געקאַלכטע, ווייסע ווענט פון רעסטאָראַן, לויפן איבער פון ווינקל אין ווינקל און ווייזן, אַז אינעווייניק, פון דער אַנדערער זייט גלעזערנער טיר איז פּוסט און ליידיק, שטום און פאַרגליווערט. זאַמקע איז פון גלעזערנער טיר, פון שמוציקן הויף אַוועק צום זעלבן אָרט, וואו ער איז אַ גאַנצן טאָג אומגעקראָכן, געבליבן שטיין אַ פאַרמאַטערטער און הונגעריקער. באַ דעם אַלטן, פאַראַסטעטן שילד. דער גרויסער שטאָט־זייגער האָט בייז און ווייט אָפּגעקלאַפּט צוועלף שאָ און געלאָזן זיי הענגען אין דער איינגעדרעמלטער שטילקייט. זאַמקע האָט ענגער זיין קורטקע אַרום זיין דאַרן גוף אַרומגעוויקלט, די הענט אין די אַרבל פאַרוקט מיט שוין מידע פיס צוריק צו דער הינטער־טיר אַוועק.

בערל איז אַלץ ניט געווען.

זאַמקע האָט זיך מיט די לעצטע קויכעס אָנגעשפּאַרט אָן טיר. די טיר האָט זיך שווער געעפנט, זאַמקען אַלץ טיפער, ווייטער אין רעסטאָראַן אַריינגעצויגן. אַ ווייכע וואַרעמקייט האָט פאַרשיקערט זיין מידן, ניט געשלאָפענעם קאָפּ, אים געטריבן דורך שמאָלע, פינסטערע צימערן, איבער אָנגעשטעלטע

טעפּ, עמער, קעסטלעך ביז ער איז אין גרויסן עס-צימער געקומען.

www.libtool.com.cn

זאַמקע האָט דעם באַטאָג געזעענעם צימער ניט דערקענט: ווייסע מירמל-טישלעך זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן איינע אַף די אַנדערע, איינע לעבן די אַנדערע, זיך צעמישט מיט שטיקער צעבראָכענע טעלער, גלעזער, שטיקער ציגל. די דרויסיקע וואַנט איז געווען צעלעכערט פון רונדע גריבלעך און דער גרויסער, הילצערנער בופעט איז געשטאַנען אין מיטן צימער בעוואולבל און דערשראָקן און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מע האָט באַטאָג געוואָלט פון אים.

זאַמקע האָט מיט גיכע טריט צוריק צו טיר גענומען גיין, אָבער אַנטקעגן און פון אַלע זייטן, איז אַף אים אָנגעקראָכן אַ געדיכטע פינסטערניש, געווייט מיט שרעק און גרויל, צעפּלאָנטערט זיינע מידע טריט און ווייטער ניט געלאָזן גיין.

אין שטילן דרויסן האָבן זיך שווערע, זיכערע טריט דערהערט, די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און אַ מענטש האָט זיך גענומען דערנענטערן: אַ געשריי איז אין דער פינסטערניש פון צימער געפאַלן:

בערל דו?...

קיין ענטפער איז ניט געווען.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זאַמקע אַפן האַלז דערפילט, קאַלטע, פרעמדע פינגער און אַ הייזעריקע שטים האָט בייז געכיכיקעט:

אהא — געפּאַקט...

---

פון יענעם זומערדיקן טאָג זיינען שוין אַוועק אַסאַך טעג, וואָכן, כאַדאָשים, יאָרן. איך בין שוין אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט אין אַסאַך שטעט, געגנטן, קאַנטן און זאַמקען אין ערגעץ ניט באַגעגנט.

אַסאַך דערציילן, אַז זאַמקע געפינט זיך איצט אין מאָסקווע, לערנט זיך אַף איינעם פון די אַרבפאַקן און מיט דער צייט, וועט פון אים אַרויסקומען אַ גוטער פּאַרטיי-טוער, אַנדערע, ווידער, דערציילן, אַז מע האָט אים אין יענער, זומערדיקער, לעוואָנע-נאַכט איינעם מיט נאָך זיבן קאָמוניסטן אַף דער זיבעטער ליניע צעשאָסן.